# בחור'ן

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

גליון ד׳ שנה א׳

פרשת ויקהל פקודי
תשפ״ו


## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: וויאזוי געט מיט זיך אן עצה מיט כעס?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך בין א בחור וואס איז זיך מחי׳ מיט די שיעורים, און איך שיק עס אויך פאר מיינע חברים וואס זענען זיך מחי׳ דערמיט, איך האב ב״ה אנגעהויבן פיל מער צו לערנען דורך די שיעורים.

איך דארף אן עצה ווי אזוי זיך צו שטארקן איבער די נסיון פון כעס. ווען איך בין ישיבה קומט מיר קיינמאל נישט אויס זיך אויפצורעגן אויף איינעם, ווען איך קום אבער אהיים ווער איך זייער נערוועז פון מיינע ברידער און שוועסטער וואס דרייען איבער די הויז, בפרט יעצט אין די קאראנע צייטן ווען יעדער איז אינדערהיים, קען איך ממש ארויסגיין פון כלים פון מיינע געשוויסטער, איך גיי אריין אין געפערליכע כעס און כ׳האב שוין אפילו צעריסן זאכן פון גרויס כעס.

איך וויל זייער שטארק זיך קענען באהערשן, אפשר האט דער ראש ישיבה שליט״א אן עצה פאר מיר?

יישר כח

### תשובה

לכבוד .... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**פרוביר די עצה פון התבודדות**

פרוביר די עצה פון רבי׳ן, די עצה פון התבודדות; מאך זיך א קביעות יעדן טאג צו בעטן דעם אייבערשטן ער זאל דיר ראטעווען פון די שלעכטע מדה פון כעס. ווען מען ווערט בכעס איז א סימן אז די אמונה איז נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, ווייל דער וואס האט אמונה, ער לעבט מיט אמונה און ווייסט אז עס קען גארנישט פאסירן נאר פונעם אייבערשטן איז דאך נישט שייך זיך צו רעגן ווען זאכן גייען נישט ווי אזוי ער וויל. דעריבער זאגן די הייליגע חכמים זכרונם לברכה (עירובין סה.): **״אָמַר רַבִּי אִילְעָאִי בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ בְּכִיסוֹ וּבְכַעְסוֹ״**, מען קען דערקענען א מענטש אויב ער איז אן ערליכער איד ביי דריי פעלער, איינע פון די פעלער איז ״בְּכַעְסוֹ״, אזוי ווי רש״י זאגט (שם): **״שֶׁאֵינוֹ קַפְּדָן יוֹתֵר מִדַּאי״**, דער וואס איז נישט מקפיד ווען עס גייט אים נישט ווי אזוי ער וויל; דאס איז א סימן אז דער מענטש לעבט מיט אמונה, ער גלייבט אז דער אייבערשטער פירט אלעס.

פאלג דעם רבי׳ן, הייב אן לעבן מיט התבודדות; אז מען נעמט דעם רבינ׳ס עצה פון התבודדות, מען לעבט מיט׳ן אייבערשטן און מען רעדט צום אייבערשטן וואו מען גייט און וואו מען שטייט, דעמאלט געדענקט מען אז דער אייבערשטער פירט

דער וועלט; מען רעגט זיך נישט אויף ווען עס גייט נישט ווי אזוי מען וויל, מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער. און אודאי און אודאי האט מען א ריינעם דיבור; מען שעלט נישט ווען עפעס אומאנגענעם פאסירט.

### די סימן אויב מען לעבט מיט אמונה

א מענטש וואס שעלט קללות איז א סימן אז ער האט נישט קיין אמונה, ער לעבט נישט מיטן אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קללה, חלק ב', סימן א'): **"אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתֹּוהוּ"**, איינער וואס איז צוגעוואוינט צו שעלטן דער איז אין עולם התוהו, ער לעבט אן אמונה, ביי אים איז אלעס תוהו ובוהו. און אזוי אויך פארקערט: **"הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן"**, ווער עס בענטשט יעדן איינעם, דער איז אין עולם התיקון; ביי אים איז אלעס פארראכטן, ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט שלעכטס טון, קיינער קען אים נישט שעדיגן און קיינער קען אים גארנישט צונעמען, דערפאר קען ער בענטשן יעדן איינעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**אז א מענטש פאלט אין עבירות הייבט אן קומען קשיות אויף די אמונה... און מען הייבט אן טראכטן אזעלכע פארדרייטע מחשבות אז מען וויל מער נישט לעבן ח"ו.**

**פון וואו קומט דאס? פארוואס פאר'דאופ'ט ער זיך? פארוואס טרינקט ער אלקאהאל? דאס לעבן איז אים נישט חשוב.**
**ווען און וויאזוי האט דאס פאסירט? ער איז דאך געווען א וואוילע כתה א' אינגל, כתה ב', כתה ד' אינגל, כתה ט' וכו', וואס איז פלוצלינג געשען?!**

**דאס געשעט רח"ל אויב מען איז נישט שטארק אין קדושה, אויב מען פאלט רח"ל אין עבירות. דער רבי זאגט אז די ניצוץ גייט אוועק פונעם מענטש, מען שפירט ווי א גוף בלא נשמה.**

**אבער דער רבי האט אונז געגעבן אן עצה פון התבודדות ותפילה, פון גיין שמועסן מיטן אייבערשטן, זיך גיין אויס'טענה'ן מיט אייבערשטן. זאג ארויס, "הייליגער באשעפער העלף מיר, איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין א צדיק. וויל איך דען זינדיגן?"**

**זאג ארויס דיינע מחשבות פאר'ן אייבערשטן. מיט דעם אליינס, ווערט שוין אויפגעבויעט די אמונה און דאס ברענגט צוריק אלע זאכן וואס ער האט פארלוירן.**

**דער מענטש דארף סך הכל נאר שפירן דעם אייבערשטן, אז מען שפירט דעם אייבערשטן דארף מען מער גארנישט! מען דארף נאר שפירן אז דער אייבערשטער האט מיר נישט אוועקגעווארפן, איך קען נאך צוריקקומען, נישטא קיין יאוש!**

צו הערן די גאנצע שיעור: 212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|12|1|72

## קורץ און שארף

**דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר:**
**די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן!**

(שיחות הר"ן)

---

**א פאלשע שמייכל איז בעסער ווי אמת'ע עצבות!**

(ראש ישיבה שליט"א אין א שיעור)